# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בהעלותך, ט"ז סיון, אבות פרק ב', שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 36 (654)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................8:12
מוצאי שב"ק......................9:43

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.......................... ישעיה לו-לז
בבלי.............. בבא מציעא קיד
ירושלמי.......... פסחים לד
תוספתא...................... קרבנות י
רמב"ם...................... בכורים יב

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ח), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייסְט מֶען אִים פָּארְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ט"ו) מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ. בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף זֶענֶען דִי אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פַאר'ן יַם זֵייעֶר פַארְלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, דִי מִצְרִיִּים זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן פוּן הוּנְטְן, ווִילְדֶע חַיּוֹת הָאבְּן גֶעבְּרוּמְט אוֹיף זֵיי פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אִינֶעם מִדְבָּר, אוּן פוּן פָארְנְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יַם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אָבֶער גֶעהֵייסְן פָארְן וַוייטֶער, אַרַיין אִין יַם אַרַיין, אוּן דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי טְרוּקֶענִישׁ, אוּן זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ פְּלָאנְטֶער, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, עֶר שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, זָאגְט מֶען אִים "פָאר וַוייטֶער", וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעב נִישְׁט אוֹיף, דוּ פְּרוּבִּיר אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אִין דַיין לֶעבְּן, פְּרוּבִּיר וִויפִיל אוּן וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם זֶען וִוי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

מְ'טָאר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן מִיט דִי צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, מְ'טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, אַלְץ אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, אֲפִילוּ וֶוען מְ'זֶעט עֶס נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן, מְ'דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער, נִישְׁט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"שׁ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט גֵיין אַרוּנְטֶער גֵייט מֶען אַרִיבֶּער, אוּן אִיךְ זָאג אַז מְ'גֵייט לְכַתְּחִלָּה אַרִיבֶּער", דָאס מֵיינְט אַז מְ'קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מְ'גֵייט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן מְ'קוּמְט אִיבֶּער אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען.

דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דֶעם פָּסוּק, וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם, וֶוען קֶען אַ אִיד זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן מִיט אִים? עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס זָאל אִים גֵיין גוּט? בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה, וֶוען אִיז גְרֵייט אַלְץ צוּ פָארְן וַוייטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן זַיין וֶועג, עֶר גֵייט פָארְאוֹיס מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט לוֹיט וִויפִיל אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען, אוּן אַזוֹי קוּמְט עֶר אָן צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן.

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל, אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרִיוו, יֶעדֶער קֶען נוּצְן דִי בְּרִיוו פַאר הִתְחַזְּקוּת, דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קסה):

"הִגִּיעַנִי מִכְתָּבוֹ פֹּה זַאסְלַאב", אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, "וְהָיָה לִי צַעַר גָּדוֹל מִזֶּה", אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ וֵויטָאג, "אֵיךְ מָלְאוּ לִבָּם הָאֲנָשִׁים הָרְשָׁעִים הָאֵלֶּה וְהֵעֵזּוּ פְּנֵיהֶם כָּל כָּךְ נֶגְדְּךָ", וִוי קֶען זַיין מֶען זָאל זִיךְ צוּ דִיר אוֹיפְפִירְן מִיט אַזַא עַזּוּת, "וְתָמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ לֹא נִמְצָא טוֹב לְעֻמַּת רַע כְּנֶגְדָּם לְבַעֵר הָרַע", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, וִוי קֶען זַיין עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן זִיךְ אָנֶנְעמֶען פַאר דִיר?

"אֲהוּבִי אָחִי נַפְשִׁי וּלְבָבִי", מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, "אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵיי, "רַק חֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת ה' כָּל הַיּוֹם, כַּמְדֻבָּר בֵּין שְׁנֵינוּ", שְׁטַארְק זִיךְ אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת ה', "וּזְכוּת אֲבוֹתֶיךָ מְסַיַּעְתְּךָ, כִּי כָּל זֶה לְגַדֵּל אוֹתְךָ וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדְךָ וּלְגַדֵּל שִׂכְלְךָ", וַוייל דָאס אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה, דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גְּדוּלָם אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל", אַזוֹי וִוי אַלֶע פְּרוּכְט אוּן אַלֶע גְרִינְצֵייג, אַלֶעס וָואס וַואקְסְט - קֶען נָאר וַואקְסְן נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען דֶעקְט צוּ דִי זוּמֶען, דִי קֶערְל - אוּנְטֶער דִי עֶרְד, אוּן דִי קֶערְל וֶוערְט פַארְפוֹילְט, "כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר, עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם", אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִיר, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אוּן מֶען דֶערְנִידֶערְט דִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ וַואקְסְן אוּן גְרוֹיס וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, "אִלּוּ הָיוּ יוֹדְעִין אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מִזֶּה", וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ טוֹבָה זֵיי טוּעֶן דִיר מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן דִיךְ, "בְּוַדַּאי לֹא הָיוּ מְבַזִּין אוֹתְךָ", וָואלְטְן זֵיי דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט, "כִּי כָּל כַּוָּנָתָם לְרַע", וַוייל זֵייעֶר גַאנְצֶע כַּוָּנָה אִיז נָאר דִיר שְׁלֶעכְטְס צוּ טוּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בְּהַעֲלוֹתְךָ תשס"ג - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשפ"ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָשׁוֹן הָרַע

דֶער אִיסוּר פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן לָשׁוֹן הָרַע אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז לָשׁוֹן הָרַע אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסָחִים קי"ח) אַז אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אָדֶער הֶערְט אוּן נֶעמְט אָן לָשׁוֹן הָרַע, אִיז רָאוּי עֶר זָאל גֶעוָוארְפְן וֶוערְן פַאר דִי הִינְט. דָאס אִיז וַוייל דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן הִינְט אַז זֵיי בִּילְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז דֶער וָואס אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרַע'ס, עֶר אִיז אֵייבִּיג פַארְנוּמֶען צוּ בִּילְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זַיין עוֹנֶשׁ.

לֵיידֶער וֶוערְט יֶעדֶער נִכְשָׁל אִין דֶעם, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער. חֲזַ"ל

<<<<<<

## אַ גוּט ווָארט

זוּכְט אוֹיף צֶען זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַייךְ גוּט, צֶען גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ זֶע, אִיךְ הֶער, אִיךְ הָאבּ פִּיס, הֶענְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דַאנְקְט אִים פַאר דִי צֶען זַאכְן: **"שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זֶע, שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הֶער, שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ הֶענְט אוּן פִּיס וְכוּ' וְכוּ'"**; אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר דִי צֶען זַאכְן, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר פַארְמַאכְטְקַייט, אִיר וֶועט אַלֵיין זֶען אוּן אַלֵיין שְׁפִּירְן וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אַייךְ, אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דִי עֵצָה, אִיר וֶועט וֶוערְן נֵיי גֶעבּוֹירְן.

דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי עֵצָה צוּ שְׁפִּירְן אִין לֶעבְּן אַ טַעַם, פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי טוֹיטְקַייט. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קטו, יז-יח): "לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ", אַז מֶען דַאנְקְט נִישְׁט - שְׁפִּירְט מֶען טַעַם טוֹיט, "וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ קָהּ", אָבֶער אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הֵייבְּט מֶען אָן צוּ לֶעבְּן.

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וְוײַבַּאלְד דִי אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ עַזּוּת, קֶענֶען זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע רֶבִּי, אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים; אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'", וֶוער עֶס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן; וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּוַוארְפְן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן, אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, נָאר עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט נָאכְן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה כה:): "מִפְּנֵי מַה נִּתְּנָה תּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, מִפְּנֵי שֶׁהֵן עַזִּין", פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן? וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ עַזּוּת; לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט קַבָּלַת הַתּוֹרָה צוּ טוּן מִיט עַזּוּת? נָאר וָואס דֶען, מֶען קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה נָאר אַז מֶען הָאט אִין זִיךְ עַזּוּת. דָאס הֵייסְט, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן מֶען וַוארְפְט אִים אַרָאפּ כְּסֵדֶר, דָאךְ אִיז עֶר אַן עַקְשָׁן, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס זָאגְן חֲזַ"ל, אַז וְוײַבַּאלְד דִי אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ עַזּוּת, קֶענֶען זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת פו:) אוֹיפְן נֵר הַמַּעֲרָבִי: "עֵדוּת הוּא לְכָל בָּאֵי עוֹלָם, שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה בְּיִשְׂרָאֵל", אַז דִי מְנוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אַן עֵדוּת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט בַּיי דִי אִידְן; זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז בַּיי דִי מְנוֹרָה שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר ח, ד): "וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה, מִקְשָׁה זָהָב", מִקְשָׁה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עַקְשָׁנוּת; אַז דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט בַּיי דִי אִידְן, אִיז וֶוען עֶס אִיז מִקְשָׁה זָהָב, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּיי זִיךְ עַקְשָׁנוּת אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט אָפּ, נָאר עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט גֵיין דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, מִיט מִנְיָן דַּיְיקָא; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, וֶוער עֶס וִויל הָאבְּן פַּרְנָסָה, זָאל שְׁטֶענְדִיג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה; אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, אוּן עֶר מַאכְט דִיךְ טְרַאכְטְן אַז קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, דָאךְ זָאלְסְטוּ זַיין אַן עַקְשָׁן אוּן גֵיין אִין שׁוּל.

זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן עֶס אִיז אַ מִצְוָה, זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן אִיד. אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי מִצְוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דֶעם סָארְט יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם צוּ טְשֶׁעפֶּען.



זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קס"ה.) אַז יֶעדֶער וֶוערְט נִכְשָׁל אִין לָשׁוֹן הָרַע, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען יָא נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי הַארְבֶּע זַאךְ, אִיז נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין לָשׁוֹן הָרַע. אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען טוּט דָאס אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה לֵייגְט מֶען צוּ אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דֶעם טָאג אִין לָשׁוֹן הָרַע.

אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט לָשׁוֹן הָרַע, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן כָּאטְשׁ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע. וַוייל יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן אַ לָשׁוֹן הָרַע אִיז שׁוֹין זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אֵיין וָוארְט לָשׁוֹן הָרַע וֶוויינִיגֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זָאגְן אַ לָשׁוֹן הָרַע וֶוערְט עֶס גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען. אֲפִילוּ וֶוען דֶער לָשׁוֹן הָרַע אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען קֶען אִים, אוּן מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן גוּט. וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אָבֶּער מִיט אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף יֶענֶעם וֶועט מֶען עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט דָאס אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן אַ לָשׁוֹן הָרַע, אוּן אַז מֶען זָאל עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען. מֶען טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צְוֵוייטְן אִיד, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ דַארְפְן אֵייבִּיג הֶערְן אַלֶעס. אֵיינֶער וָואס מוּז זִיךְ אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זַיין קָאפּ, עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן. אוּן אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, דַאן גֵייט עֶס אַרַיין אִין הַארְץ אַרַיין. וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ, וֶוען מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעט אוֹיס אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, גֵייט עֶס אָבֶּער אַרַיין אִין מֹחַ, אוּן דָאס קֶען נָאכְדֶעם שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ עה:) "מַאן דְּאָדְנוֹי רַבְרְבִין, טִפְּשָׁא בְּלִיבֵּיהּ" - וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טִפְּשׁוּת אִין זַיין הַארְץ. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי דַארְפְן אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זֵייעֶר אוֹיעֶר, זֵיי דַארְפְן אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן חָכְמָה נָאר פוּן טִפְּשׁוּת. אַן אֱמֶת'עֶר חָכָם, זִיצְט זִיךְ אִין זַיין ווִינְקְל אוּן עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִיבֶּערָאל, עֶר ווֵייסְט אַז וָואס עֶר דַארְף הֶערְן - וֶועט עֶר מְמֵילָא הֶערְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט הֶערְן - אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער אַז עֶר זָאל עֶס נִישְׁט הֶערְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג) וֶועגְן דֶעם טוֹיבְּן בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן שְׁוַואךְ גֶעקֶענְט הֶערְן. הָאט עֶר דַאן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גוּט הֶערְן? וָואס אִיךְ וִויל זָאגְן - זָאג אִיךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, מְמֵילָא פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן?"

דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן, הָאט גֶעהַאט דִי מִידָּה אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט הֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ הֶערְן נָאר וָואס עֶר דַארְף.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ תַּלְמִידִים פַאר זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דַאן גֶערֶעדְט צוּ דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נַחְמָן בַּייגְט זִיךְ צוּ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶערְן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט וִויסְן אַז עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט יֶעצְט, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אַז עֶר זָאל מַמָּשׁ נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הֶערְט עֶר נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מַיין מוֹיל שָׁאקְלְט זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ קֶענֶען הֶערְן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן אוּן רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן אִיז נָאר וַוייל עֶר גֵייט לֵיידִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פִּילְט עֶר נִישְׁט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאפְט אַז אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין סִיפּוּק. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין סִיפּוּק, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶוענֶען, אוּן מִיט טוּן מִצְוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט יָא סִיפּוּק פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען בַּאקוּמְט סִיפּוּק פוּן גוּטֶע זַאכְן פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג. וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י"ב עֶרֶךְ לָשׁוֹן הָרַע, וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ שְׁמִיעָה)

<<<<<< אַ בְּרִיוו פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בָּבָא בַּתְרָא צא.) בֹּעַז הָאט גֶעהַאט דְרַייסִיג זוּן אוּן דְרַייסִיג טֶעכְטֶער, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַ קִינְד הָאט עֶר גֶעמַאכְט צְוֵויי סְעוּדוֹת, אַ סְעוּדַת אֵרוּסִין אוּן אַ סְעוּדַת נִשׂוּאִין, וָואס צוּזַאמֶען הָאט עֶר גֶעמַאכְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג סְעוּדוֹת; עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חַבֵר מָנוֹחַ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אוּן בַּיי קַיין אֵיינְס פוּן דִי הוּנְדֶערְט צְוָואנְצִיג סְעוּדוֹת הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶערוּפְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "כּוּדְנָא עֲקָרָה בְּמַאי פָּרְעָא לִי", דֶער אֵייזְל דֶער עָקָר, מִיט וָואס קֶען עֶר מִיר בַּאצָאלְן, עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, מִמֵילָא גֵייט עֶר מִיר נִישְׁט צוּרִיקְרוּפְן צוּ קַיין שִׂמְחוֹת, זָאגְן חֲזַ"ל: "וְכֻלָּן מֵתוּ בְּחַיָּיו", אַלֶע קִינְדֶער פוּן בֹּעַז זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן בְּחַיָּיו, פַאר אַן עוֹנֶשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט זַיין חַבֵר.

דֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין זַיין סֵפֶר בֶּן יְהוֹיָדָע אוֹיפְן פְּלַאץ, אַז בֹּעַז אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶערוּפְן מָנוֹחַ אִיז גֶעוֶוען לְשֵׁם שָׁמַיִם, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיין חַבֵר זָאל הָאבְּן קִנְאָה אוֹיף דִי חֲתוּנוֹת וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין מַאכְן; מִיט דֶעם אַלֶעם, וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען צַעַר פַאר זַיין חַבֵר, אִיז עֶר גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי וַוייט מֶען דַארְף זַיין נִזְהָר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ חַבֵר.

חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִתּוֹךְ שֶׁדִמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ, וַוייל אַ פְרוֹי וֵויינְט זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסְן עוֹנֶשׁ. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קַיין שׁוּם אִיד, אוּן בִּפְרַט דַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, עֶר הָאט מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּבּ; אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם אָרֶעמַאן, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹיף אִים אִיז אַ רַחְמָנוּת? אַ רַחְמָנוּת אִיז אוֹיף מֹשֶׁה חִינְקֶעס (וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵד אוֹיף רֶבִּי נָתָן), וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג; מַיין תַּלְמִיד אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, וַוייל אַ גַאנְצְן טָאג אִיז עֶר עוֹסֵק אִין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וַוארְט אִים אָפּ זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער וֶועלְט".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אִיז דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט אוּן דֶער וָואס דַאוֶונְט נִישְׁט. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר, אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעווִיסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר, אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַרְגָּא אוֹיף דֶער וָואלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אִיעָצְךְ, וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ; וואוּ דוּ גֵייסְט זָאלְסְטוּ מִיטְנֶעמֶען אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת'ל, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט זָאלְסְטוּ אַרַיינְכַאפְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת - כְּסִדְרָן דַיְיקָא. דוּ קֶענְסְט דִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִשְׁנַיוֹת טוּט פַארְן מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיגֶע בַּארִימֶען, אַז וֶוען מֶען ווִיל זֶען וֶוער עֶס אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זָאל מֶען קוּקְן וֶוער עֶס דְרֵייט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת'ל אִין דִי הַאנְט.

וַוייל אַן אֱמֶת'עֶר תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, עֶר זוּכְט נִישְׁט וואוּ צוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת, אוּן עֶר מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט בַּיי קֵיינֶעם. עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט עֶר דַארְפְן צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָארְט וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, נָאר דִי

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ וֶועגְן מַיינֶע עֶלֶעדְזְשִׁיס, וואוּ גֵייעֶן אַלֶע תְּפִלּוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַלֶערְזְשִׁיק צוּ מִילְכִיגְס, אוּן אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער ווִי מַיינֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן צוּ דִי לוּפְט, עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט. אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן אַז אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיר יָא אוֹיס.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טוּ וָואס ר' נָתָן הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט; דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; דַאנְק אִים אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דַאנְק אִים אַז דוּ קֶענְסְט עֶסְן פְלֵיישׁ אוּן פִישׁ; ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל אוּן קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן נָאר דוּרְךְ אִינְטֶערְווִינֶעס - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן פוּן דֶעם, אַז דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְן פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט מִיר אוּן לוֹיבְּט מִיר, לָאמִיר אִים גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס".

אַ אִיד טָאר נִישְׁט זָאגְן: "מַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן צוּ דִי לוּפְט"; קַיין אֵיין תְּפִילָה גֵייט נִישְׁט לְאִיבּוּד, נָאר יֶעדֶע תְּפִילָה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב): "וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁטּוֹעִים, חַס וְשָׁלוֹם, בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִילוֹת הֵם לָרִיק", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אוּן מֵיינֶען אַז אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט גֵייט צוּ דִי לוּפְט, "אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא סַלְקִינָן וַאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן, הַיְנוּ כָּל הַתְּפִילוֹת סַלְקִינָן וְעוֹלִין", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אַלֶע תְּפִילוֹת גֵיין אַרוֹיף אוֹיבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּ בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס, אוּן אַנְשְׁטָאט נָאר בֶּעטְן, זָאלְסְטוּ קוֹדֶם דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט יָא עֶסְן - וֶועסְטוּ זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ לוֹיבּ דִיר אַז אִיךְ קֶען עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן. יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין שְׁפִּיטָאל בַּאהָאפְטְן צוּ אִינְטֶערְווִינֶעס; מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי גוּט, ווִיפִיל אִיךְ וֶועל דִיר דַאנְקֶען וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָנְהֵייבְּן דִיר צוּ דַאנְקֶען אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין פִינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר; דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶסְן אַלֶע סָארְט עֶסְן, אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס אוּן עֶס זָאל נִישְׁט שַׁאטְן פַאר מַיין גֶעזוּנְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וַוייז מִיר אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע תְּפִילוֹת, בַּאוַוייז דִיךְ פַאר מִיר, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן ווִי מַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען", אַזוֹי זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען דַיין יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין עֶסְן מִילְכִיגְס.

BreslevCenter.com\answers

פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וָואס עֶר הָאט אַרײַנְגֶעכַאפְּט יֶעדְן טָאג, נָאר דָאס וֶועט מֶען מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד".

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אַלֶעס קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן, נָאר נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן בָּרוּךְ הַבָּא אִין קֵבֶר, דָאס קֶען אִיךְ מִיר נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן". גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט מִיט אוּנְז כְּסֵדֶר גֶע'חַזֶר'ט אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן תַּכְלִית, אוּן מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַקְבָרוֹת, אוּן אַז מֶען וֶועט אֵיין טָאג זַיין אַ גוֹסֵס אוּן אַ מֵת.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַרָאפְּלֵייגְן וִוי אַזוֹי אַ לְוַיָ' זֶעט אוֹיס; דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אוּן וֵויינְט: "מַיין מַאן, אוֹיף וֶועם הָאסְטוּ מִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט", דִי קִינְדֶער וֵויינֶען: "טַאטֶע וֶוער וֶועט אוּנְז גֶעבְּן גֶעלְט? וֶוער וֶועט אוּנְז חֲתוּנָה מַאכְן?" פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיפְן נִפְטָר אַלֵיין", מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרֵיין אִין דֶער עֶרְד; דִי חֶבְרָה קַדִישָׁא קוּמֶען אוּן דֶעקְן אִים צוּ מִיט עֶרְד אוּן אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט 'וָואס טוּט זִיךְ יֶעצְט אָפּ אִינֶעם קֵבֶר...' עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין פֶעלְד-מַייזְן מִיט אַנְדֶערֶע חַיָ'לֶעךְ, וֶוערֶעם אוּן שְׁלַאנְגֶעלֶעךְ, אוּן זֵיי עֶסְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס אִיז שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים פַארְן נִפְטָר.

קוּמְט רֶבִּי נָתָן אוּן זָאגְט, אַז אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועלְן דִי וֶוערֶעם אִין קֵבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם גוּף, נָאכְדֶעם קוּמְט מוֹהֲרָא"ש אוּן זָאגְט אַז אַ גוּף וָואס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת וֶועלְן דִי וֶוערֶעם אִין קֵבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען.

פְרֶעג אִיךְ דִיר מַיין טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער ...., פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן מוֹהֲרָא"ש אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת? נָאר דָאס וֶועט אוּנְז רַאטֶעוֶוען - סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט הַנָאָה וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אוּן זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן - אֲפִילוּ אַפָּאר שׁוּרוֹת; יֶעדֶעס מָאל וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר בִּין אִיךְ זִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן טָאג.

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אויסטערלישער שיינע שבועות אריבער אין שטעטל מיטן ראש ישיבה שליט"א

דער ראש ישיבה שליט"א איז שוין ארויסגעקומען מאנטאג נאכט ערב יום טוב אין שטעטל. און דינסטאג אינדערפרי אכט אזייגער - נאכן דאווענען מיטן ערשטן מנין זיבן אזייגער - האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף אין וואלד אינטערן שאטן פון דיביימער. ארויסגייענדיג צום וואלד האט דער ראש ישיבה געטראפן א אינגערמאן וואס איז דעמאלט אנגעקומען דאווענען שחרית, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט ער זאל זען צו דאווענען מיטן ערשטן מנין, "האסט דאך יעצט געעפענט א נייע ביזנעס, דארפסטו זען צו דאווענען ביים ערשטן מנין".

נאכן פארלערנען דעם דף האט דער ראש ישיבה אויסגעטיילט דעם נייעם ספר "אשר היה אל יואל", פאר די אינגעלייט וואס האבן צושטייער געגעבן דאס צו קענען דרוקן. ביים טיילן דעם ספר האט דער ראש ישיבה געפרעגט: ווען איינער קומט צו דיר בעטן עסן, וואלסט אים געגעבן? אוודאי יא, און אויב בעט ער דיר דעם קומענדיג טאג בעטן נאכאמאל עסן, וואלסט אים אויך געגעבן, אבער אויב בעט ער נאכאמאל און נאכאמאל, ביז ווען וואלסטו אים געגעבן? וויפיל קען מען דען געבן? אבער אז מען דרוקט א ספר פון א צדיק, דאס איז א זאך וואס בלייבט אויף "אייביג", און דאס איז די גרעסטע צדקה. וואס שטייט אין דעם ספר? דער ראש ישיבה האט געעפענט דעם ספר און אנגעהויבן צו זאגן א שטיקל וואס מען זעט גלייך דערפון התחזקות אויף למעשה, ארויסצוברענגען דאס גרויסקייט פון העלפן דרוקן די ספרים.

במשך דעם טאג האט מען זיך געגרייט צום הייליגן יום טוב, אסאך געסט זענען געקומען מיטהאלטן דעם שיינעם יום טוב, וואס דאס איז איינס פון די דריי צייטן וואס מען איז געקומען צום הייליגן רבי'ן.

דאס איז טאקע די פלאץ צו באדאנקען די געטרייע הנהלה פון בית התבשיל וואס האט צוגעשטעלט וואסער אויף אסאך פלעצער אין שטעטל, כדי מען זאל זיך קענען דערפרישן בשעת'ן שפאצירן צום שול און צוריק.

שבועות ביינאכט האט זיך אנגעהויבן מיט אווארעמע מנחה פונעם דיין שליט"א, דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט אפאר ווערטער צוליב דעם וואס ער האט געוואלט דאווענען מעריב נאכן זמן רבינו תם, הגם אין מגן אברהם שטייט אז די עיקר איז אז די קידוש זאל זיין נאכן זמן, אבער אין טור ווערט געברענגט אז אויך מעריב זאל זיין נאכן זמן, כדי עס זאל זיין זיבן גאנצע וואכן, אזוי ווי די פסוק זאגט "שבע שבתות תמימות תהיינה".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז בחייו פון מוהרא"ש ז"ע פלעגט ער איינשטיין אויף יום כיפור אין בארא פארק ביי הרב הצדיק רבי יצחק לעזער שליט"א כדי צו קענען זיין ביי מוהרא"ש ז"ע. אויפן וועג אהיים פון בית המדרש צו די דירה, האט רבי יצחק געשמועסט מיט אים און אים געזאגט א געוואלדיגע ווארט: "ר' יואל יעצט איז שוין די געוואלדיגע טאג יום כיפור וואס מען קען זיך אלעס אויסבעטן, מען דארף נישט ווארטן אויף מארגן ווען מען וועט שוין זיין הונגעריג און מיד, מען קען שוין יעצט אלעס אויסבעטן." האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז דאס קען מען אויך זאגן יעצט שבועות ביינאכט, מען דארף נישט ווארטן אויף נאך די סעודה ווען מען ווערט שוין מיד, מען קען שוין יעצט זיך אויסבעטן אלעס גוטס. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס וואס מען גייט אין מקוה סמוך לעלות, קען מען רעכענען דעם ערשטן עלות השחר, און סמוך מיינט א האלבע שעה פארן עלות.

נאכן סעודה איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש זאגן צוזאמען דעם תיקון ליל שבועות אזוי ווי מוהרא"ש האט אוועקגעשטעלט מען זאל דאס זאגן, דאס איז די ערשטע און די לעצטע פסוק פון יעדע פרשה, און דערנאך די תרי"ג מצות.

אינצווישן האט מען געזינגען שיינע אידישע ניגונים, פאר די תרי"ג מצות האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז מען קוקט גוט זעט מען אז מיר זענען מקיים די אלע מצות וואס מען גייט דא זאגן, און מיר זענען נישט עובר אויף די עבירות וואס שטייט געשריבן, צוליב דעם דארף מען זיין זייער פריילך. כמעט ביי יעדע מצוה האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט מיט א פרייליכע "שכח אייבערשטער", ווי צו זאגן א דאנק פארן אייבערשטן אז מיר זענען מקיים די מצוה. אזוי אויך האט מען כסדר אפגעשטעלט און געזינגען פרייליכע ניגונים, וואס ברענגט ארויס די שמחה פון זיין א איד.

נאכן תיקון האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכע טאנץ, זיך צו פרייען אינאיינעם אז מיר זענען אידישע קינדער, אויסדערוועלט פון אלע פעלקער איבער די וועלט.


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **דוד דייטש** הי"ו בארא פארק
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב
***
החתן **ידידיה אשר מלכי** הי"ו ירושלים
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב
***
החתן **שמואל פאלאק** הי"ו ירושלים
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב
***
מו"ה **מרדכי אהרן שפילמאן** הי"ו וויליאמסבורג
צו די שמחה פון זיין זון הבחור החתן **זעליג** הי"ו למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **נחמן נייששטיין** הי"ו בארא פארק
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
***
מו"ה **מנחם זאב שטערן** הי"ו סטעטן איילענד
גבאי בית המדרש היכל הקודש סטעטן איילענד
צו די שמחה פון זיין זון הבחור החתן **שמואל מרדכי** הי"ו למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **שלמה וויינבערגער** שליט"א מאנסי
***
מו"ה **יהושע פיוטרקבסקי** הי"ו לעיקוואד
צו די שמחת הבר מצווה פון זיין זון למזל טוב
***
מו"ה **מרדכי לעווינזאן** הי"ו ירושלים
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה **מנחם מענדל שימשאוויטש** הי"ו בארא פארק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **זלמן וויזל** הי"ו ברכפעלד
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***



## פארוואס?? פארוואס??

**פארוואס האב איך נישט א שידוך?**
**פארוואס האב איך נישט פרנסה?**
**זאג תהלים נאך א קאפיטל, נאך א קאפיטל**
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1,2,1,4,2,47**



כולל היכל הקודש | בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**ההודה והברכה**
א הארציגן דאנק לידידנו היקר
הבה"ח **דוד טשינאגל** הי"ו
פארן מנדב זיין
**פרנס השבוע - פרשת בהעלותך**
אין דערמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין דער לימוד התורה פון די לומדי הכולל
בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס.



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >